# <u>די פֿאַמיליע מושקאַט</u>

## קאַפּיטל איינס

### 1

פינף יאָר נאָכדעם ווי ביי ר׳ משילם מושקאַט איז געשטאָרבן דאָס צווייטע ווייב, האָט ער נאָך אַמָל חתונה געהַט. דאָס מאָל האָט ער אָנגעקראָגן אַ אידענע אין די פופציקער, אַ גאָליציאָנערין, אַן אלמנה נאָך אַ נגיד, אַ בראָדער למדן, אַן איינגעטימער פון אַ ברוי-הויז. דער מאַן האָט פאַרן טויט באַנקראָטירט און עס איז געבליבן ביורשה אַ שאַנק ספרים, אַ שנור פּערל, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע, און אַ בת-יחידה, וואָס האָט געהייסן איידל. רויזע פרומעטל, די מאַמע, האָט זי גערופן איידעלע און צומאָל -- אַדעלע, אויפן הײנט-מאָדישע שטייגער. ר׳ משולם האָט זיך באַקענט מיט דער פרוי אין קאַרלסבאַד, וואו ער איז געפאָרן טרינקען די וואַסערן, און ער האָט דאָרט געשטעלט מיט איר אַ חופּה. אין וואַרשע האָט קיינער דערפון געוואוסט. ר׳ משולם האָט קיינעם נישט געשריבן קיין בריוו פון וואַרעמבאָד און ס׳איז נישט געווען זיין געוואוינהייט אָפּצוגעבן עמעצן אַ חשבון. ערשט אין מיטן אלול איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אויף ר׳ משולם אַדרעס אין וואַרשע, אַז ער קומט צו פאָרן, און - ווען מ׳זאָל אים אָפּוואַרטן. לייבל דער בעל-עגלה איז אַרויסגעפאָרן צום ווינער וואָקזאַל מיט דער קאָטש און אָפּגעוואַרט דעם באַלעבאָס. די באַן איז אָנגעקומען פאָרנאַכט-צו. ר׳ משולם איז אויסגעשטיגן פון וואַגאָן ערשטע קלאַס. ער האָט געפירט מיט זיך דאָס ווייב און די שטיף-טאַכטער.

ער האָט גלייך אויפן טרעפּל אַ זאָג-געטאָן לייבלן:

- דאָס איז דיין נייע באַלעבאָסטע.

און ער האָט געטאָן צו אים אַ בלינצל מיט אַן אויג.

ר׳ משולם האָט געטראָגן מיט זיך איין קליין צעקניישט רענצל, געדיכט אַרומגעקלעפּט מיט קוויטלעך פון די צאָל-אַמטן. דעם גרויסן קופערט מיט די מעשענע רייפן האָט ער געהאַט אויפגעגעבן אויפן באַגאַזש. אָבער די פרויען האָבן געהאַט מיט זיך אַ סך וואַליזעס, רענצלעך, פּעקלעך. עס איז נישט געווען גענוג אָרט אין דער קאַרעטע, וואו דאָס אַלץ אַהינצוטאָן, און מען האָט געמוזט אַרויפלייגן אַ גאַנצן שטויס מיט געפּעק אויף דעם באָק. לייבל שמייסער, אָדער לייבל פורמאַן, איז נישט געווען קיין שעמעוודיקער. פונדעסטוועגן איז ער רויט געוואָרן ביים אָנבליק פון די געסט און האָט ווי פאָרלוירן דאָס לשון. די נייע פרוי מושקאַט איז געווען אַ מיטלוואוקסיקע, אַן אויסגעמאָגערטע, שוין אַביסל איינגעבויגן, מיט אַ פּנים פול קנייטשן, די נאָז רויט פון קאַטאַר, מיט אַ פּאָר אויסגעוויינטע אויגן פון אַ מיחסה. דאָס פּלענע שייטל איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ שוואַרצער זשאָרזשעטענער שאַל. אין די לעפּלעך פון די אויערן האָבן זיך געבאָמבלט לאַנגע אויערינגען מיט שוואַרצע שטיינדלעך, וואָס האָבן געציטערט ווי געגלוטטערט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זיידע אויבער-מלבוש, וואָס איז געווען האַלב אַ האַבעלאַק, האַלב אַ פּעלערינע, אין אַ ברייט קאָרטן קלייד, באַנייט מיט טאַשמעס, און אַלט-פרענקישע שיך מיט לאַנגע נעז. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שירם מיט אַ בורשטינען הענטל. מיט דער אַנדערער האָט זי צוגעהאַלטן איר טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע-און-

צוואַנציק, אַ הויכע, אַ שמאָלע, מיט אַ קרומלעכער נאָז, וואָס האָט געהַט אַ ביינדל אינמיטן, מיט אַ שאַרפן קין און דינע ליפּן. אונטער די העלע אויגן זיינען געשטאַנען טונקעלע רענדער, ווי פון נישט שלאָפן נעכט. די אָפּגעבלאַקירטע האָר, אַ געמיש פון געל און בלאָנד, זיינען פאַרקעמט געווען אויף הינטן אין אַ שפּיציק גרעקל, געדיכט באַשטעקט מיט האָר-נאָדלען. זי האָט געטראָגען מיט זיך אַ פאַרוועלקט בינטל געלע בלימלעך, אַ פּאַקעטל אַרומגעבונדן מיט אַ רויט שנירל, אַ שַכטל און אַ ביכל. צווישן די בלעטער האָבן געשטעקט ריטלעך, וואָס האָבן דערמאָנט לייבלען אָן הושענות. עס האָט געשמעקט פון דעם מיידל מיט שאָקאָלאַד, קימל-פּערפום און אויסלאַנד. לייבל שמייסער האָט זיך אַ פאַרקרים געטאָן.

- אַ פּריצה ! - האָט ער מורמל געטאָן צו זיך אַליין. - אַ פאַרריסענע !

- איידעלע, קינד מיינס, דאָס איז וואַרשע ! - האָט רויזע פרומעטל אַ וויז-געטאָן דער טאָכטער. - קיין עין-הרע אַ כרך, האַ ?

- עך זע נאָך דערוויל גאָרנישט ! - האָט זי אָפּגעענטפערט אין אַ פלאָטשיקער גאַליציאַנער אויסשפּראַך.

- אודאי, צו ווין קומט עס נישט ! - האָט ר׳ משולם אַ זאָג געטאָן. - און צו בערלין אויך נישט!